בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן
# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ
אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון צ"ט

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת כי תשא - פורים
שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.

פַארְן שִׁיעוּר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן: **"אַשְׁרֵיכֶם אַשְׁרֵיכֶם, אַשְׁרֵיכֶם אַשְׁרֵיכֶם, טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, אוֹיף עֶנְק שְׁטֵייט דִי וֶועלְט, אוֹיף עֶנְק שְׁטֵייט דִי וֶועלְט, אוֹיף עֶנְק שְׁטֵייט דִי וֶועלְט, אוֹיף עֶנְק שְׁטֵייט דִי וֶועלְט".**

אַ גוּטְן טָאג, טֵייעֶרֶע מְחַנְּכִים.

אִיךְ וִויל מֶען זָאל גֶעבְּן צוּ הֶערְן דֶעם הַיינְטִיגְן שִׁיעוּר פַאר אַלֶע מְחַנְּכִים פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד אוּן סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי לֶערֶערִינְס פוּן בֵּית פֵיגָא; פוּן שְׁטֶעטְל, פוּן קִרְיַת יוֹאֵל, פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, פוּן יְרוּשָׁלַיִם אוּן פוּן טְבֶרְיָה; אוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועלְן מִיר בְּקָרוֹב אוֹיךְ עֶפֶענֶען אַ בֵּית פֵיגָא אִין בְּנֵי בְּרַק, אַזוֹי וֶועלְן מִיר צוּבִּיסְלֶעךְ אָנְגְרֵייטְן דֶעם דוֹר פַאר מָשִׁיחַ.

### דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי טֶעג פַאר דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב פּוּרִים. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מְגִילָה ד.): **"אָמַר רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי, נָשִׁים חַיָּיבוֹת בְּמִקְרָא מְגִילָּה"**, סְתַּם אַזוֹי זֶענֶען פְרוֹיעֶן פָּטוּר פוּן אַ מִצְוָה וָואס הָאט צוּטוּן מִיט אַ צַייט, אָבֶער מִיט דִי מִצְוָה פוּן לֵיינֶען דִי מְגִילָה זֶענֶען פְרוֹיעֶן יָא מְחוּיָּב, **"שֶׁאַף הֵן הָיוּ בְּאוֹתוֹ הַנֵּס"**, וַוייל דִי פְרוֹיעֶן הָאבְּן אוֹיךְ צוּגֶעהָאלְפְן צוּ דִי נֵס; אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט אַז דִי נֵס פוּן פּוּרִים אִיז גֶעשֶׁעְן דוּרְךְ 'אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה', דִי נֵס פוּן חֲנוּכָּה אִיז גֶעשֶׁעְן דוּרְךְ 'יְהוּדִית', אוּן בִּזְכוּת דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן זֶענֶען מִיר גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן מִצְרַיִם.

תּוֹסְפוֹת פְרֶעגְט (שָׁם, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל שֶׁאַף הֵן הָיוּ בְּאוֹתוֹ הַנֵּס), וָואס הֵייסְט אַז דִי פְרוֹיעֶן הָאבְּן 'אוֹיךְ' צוּגֶעהָאלְפְן צוּ דֶעם נֵס? דֶער 'עִיקָר' נֵס אִיז דָאךְ גֶעשֶׁעְן נָאר דוּרְךְ אַ פְרוֹי, דוּרְךְ אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה!

עֶנְטְפֶערְט תּוֹסְפוֹת, מֶען רֶעדְט דָא וֶוער אִיז גֶעוֶוען אִין דִי 'גְזֵירָה' צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעהַרְגְ'עֶט, אוֹיף דֶעם זָאגְט דִי גְמָרָא אַז דִי גְזֵירָה פוּן הָמָן אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אוֹיף דִי פְרוֹיעֶן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (אֶסְתֵּר ג, יג): **"לְהַשְׁמִיד לַהֲרֹג וּלְאַבֵּד אֶת כָּל הַיְּהוּדִים מִנַּעַר וְעַד זָקֵן טַף וְנָשִׁים"**, הָמָן הָאט יֶעדְן אֵיינֶעם גֶעוָואלְט אוֹיסְהַרְגְ'עֶנֶען, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְפְן דִי פְרוֹיעֶן אוֹיךְ הֶערְן מְגִילָה לֵיינֶען.

אָבֶער מֶען רֶעדְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי דֶער 'נֵס' אִיז גֶעשֶׁעְן, וַוייל דָאס אִיז זִיכֶער אַז דִי גַאנְצֶע נֵס גֶעשֶׁעְן דוּרְךְ אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה! לָאמִיר אָבֶער זֶען ווִי אַזוֹי הָאט אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ צֶערַייסְן דִי גְזֵירָה; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אֶסְתֵּר רַבָּה, פֶּרֶק ט, סִימָן ד) אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה הָאט גֶעשִׁיקְט אַ שְׁלִיחוּת אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן פַאר מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק עֶר זָאל צוּזַאמְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער אוּן בֶּעטְן מִיט זֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר הָאט צוּזַאמְגֶענוּמֶען צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט קִינְדֶער, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זֵיי אוּן אַזוֹי הָאט מֶען צֶערִיסְן דִי גְזֵירָה.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין קִינְדֶער 'תְּפִלָּה'; זֵיי זָאלְן אַלֶעס בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן 'אֱמוּנָה'; זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען הֶערְט אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע נֵייעֶס, חַזֶר'ט מֶען מִיט דִי קִינְדֶער: 'מִיר הָאבְּן אַ בַּאשֶׁעפֶער! מֶען דַארְף פוּן גָארְנִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן!'

## אַ גוּט וָוארְט

### דִי אֵייגֶענֶע מַחֲשָׁבוֹת אִיז אַ גוּטֶע דֶערְמַאנוּנְג

אִיךְ וִויל בֶּעטְן אוּן מְחַזֵּק זַיין אַלֶע מְלַמְּדִים, לֶערֶערִינְס, דִי וָואס זֶענֶען מִיט דִי קִינְדֶער בַּיים עֶסְן, דִי סֶעקְרֶעטֶערִיס וָואס אַרְבֶּעטְן אִין אָפִיס, אוּן אַלֶע וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ נֶעבְּן דִי קִינְדֶער, עֶטְץ זָאלְטְס ווִיסְן: דוּ קֶענְסְט אוּן דוּ בִּיסְט מְחוּיָּב אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ מִצְוֹת, אוּן אַ זִיכֶערְקֵייט אִין זִיךְ אַלֵיין.

וֶוען דוּ גֵייסְט דוּרְךְ אַ קִינְד, גֶעבּ אִים אַ גוּט וָוארְט; אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן: 'דֶער קִינְד דַארְף מִיךְ יָא? דֶער קִינְד דַארְף מִיךְ נִישְׁט?' - גֶעבּ אִים אַ גוּט וָוארְט! זָאג נָאכְאַמָאל פַאר דִי קִינְדֶער: **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ!", "דַיינֶע מִצְוֹת זֶענֶען זֵייעֶר שֵׁיין!"**

זֵייעֶר אַסַאךְ לֶערֶערִינְס הָאבְּן אַן אַיינְרֶעדֶענִישׁ (אִין אַמֶערִיקֶע רוּפְט מֶען עֶס 'אַ קַאמְפְּלֶעקְס') פוּן טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט: 'בִּין אִיךְ אַ גוּטֶע לֶערֶערִין? בִּין אִיךְ נִישְׁט קַיין גוּטֶע לֶערֶערִין? מֶען דַארְף מִיךְ פַאר אַ לֶערֶערִין? אָדֶער עֶכְט דַארְף מֶען מִיךְ נִישְׁט, נָאר מֶען וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי מִיךְ אָפְּצוּזָאגְן, וַוייל מֶען וִויל מִיךְ נִישְׁט וֵויי טוּן...' אַזוֹי דְרֵייט זִיךְ דִי קָאפּ מִיט אַזֶעלְכֶע סָארְט מַחֲשָׁבוֹת; דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר אַ לֶערֶערִין, וַוייל אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ מַאכְן אַ 'קַל וָחֹמֶר': מַה-דָאךְ אִיךְ עֶרְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשׁ, וָואס מֶען הָאט מִיךְ שׁוֹין עֶרְוֶועלְט צוּ זַיין אַ מְחַנֶּכֶת, אִיז פִיל מִיט דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת, וָואס זָאל שׁוֹין דָאס קְלֵיין קִינְד טְרַאכְטְן? זִי טְרַאכְט זִיכֶער מֶער דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת, 'מֶען דַארְף

מִיךְ יָא' אָדֶער 'מֶען דאַרְף מִיךְ נִישְׁט'.

סְתָּם אַזוֹי קֶען מֶען טְרַאכְטְן: 'פַארְוָואס פֶּעלְט אוֹיס נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל אִיבֶּערצוּזָאגְן פַאר אַ קִינְד גוּטֶע וֶוערְטֶער, **"דוּ בִּיסְט זֵייעֶר גוּט"** און **"דוּ בִּיסְט זֵייעֶר גוּט"**, אִיךְ הָאבּ אִים דָאךְ שׁוֹין גֶעזָאגְט אַ גוּט וָוארְט אָנְפַאנְג יָאר...' אָבֶּער אוֹיבּ דִי לֶערֶערִין אַלֵיין טְרַאכְט אוֹיךְ יֶעדְן טָאג צִי 'מֶען דאַרְף מִיךְ יָא' אָדֶער 'מֶען דאַרְף מִיךְ נִישְׁט', און זִי הָאפְט יֶעדְן טָאג 'הַלְוַאי' זָאל מִיר אֵיינֶער נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְזָאגְן אַז אִיךְ בִּין אַ גוּטֶע לֶערֶערִין', קֶען זִי זַיין דִי רִיכְטִיגֶע מֶענְטְשׁ צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער, ווייל גֶעוֶוענְלִיךְ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אַלֵיינְס אַרִיבֶּער אַ צָרָה - דֶער פַּאסִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ צוּ מְחַזֵק זַיין אַ צְוֵוייטְן וָואס הָאט דֶעם זֶעלְבְּן פְּרָאבְּלֶעם.

## עֶס אִיז דָא אַ תֵּירוּץ אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע אוֹיפְפִירוּנְג

עֶס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ דָא קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטִיבֶּער, זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג אַרוּם מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת: 'מֶען דאַרְף מִיךְ יָא', 'מֶען דאַרְף מִיךְ נִישְׁט'; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן וָואס מֶען קֶען אוֹיפְטוּן מִיט אַ מֶענְטְשְׁנְ'ס מֹחַ מִיט 'אֵיין' גוּט וָוארְט!

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, אִיז אַ אִינְגֶערְמַאן צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר און עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, עֶר זָאגְט מִיר: **"רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה; וָואס זָאל אִיךְ טוּן? מַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט לִיבּ אֵיינֶע פוּן דִי קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען אוֹיף מֶעסֶער שְׁטֶעךְ... און מַיין וַוייבּ אִיז אֲפִילוּ מוֹדֶה אַז זִי קֶען נִישְׁט לַיידְן דִי קִינְד"**. אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר: וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַ מַאמֶע זָאל נִישְׁט קֶענֶען לַיידְן אַן אֵייגֶענֶע קִינְד? עֶס קֶען זַיין אַז דָאס קִינְד הָאט דִי זֶעלְבֶּע נַאטוּר פוּן דִי מַאמֶע, דֶעְרִיבֶּער אִיז שְׁוֶוער צוּ זֶען וִוי מֶען שְׁפִּיגְלְט זִיךְ אָפּ אִינֶעם קִינְד... דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן: **"דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מוּז מִיךְ הֶעלְפְן"**.

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר דֶעם אִינְגֶערְמַאן: דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ אָנְרוּפְן דִי מְנַהֶלֶת אִיר דֶערְצֵיילְן וָואס גֵייט פָאר אִין שְׁטוּבּ, כְּדֵי אוֹיבּ דַיין קִינְד וֶועט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אִין כִּתָּה זָאל זִי וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם, דִי מְנַהֶלֶת זָאל וִויסְן אַז בַּיי דֶעם קִינְד אִיז נִישְׁט דִי שְׁטוּבּ אַ גֶעשְׁמַאקֶע זַאךְ און דִי שׁוּלֶע אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען 'דַארְף' גֵיין, נָאר פַארְקֶערְט, דָאס קִינְד וֶוערְט גֶע'רוֹדְפְ'ט אִינְדֶערְהֵיים, עֶס קוּמְט דָארְט פָאר אַ מִלְחָמָה צְוִוישְׁן דִי מַאמֶע מִיטְ'ן קִינְד.

## גוּטֶע וֶוערְטֶער אִיז 'לֶעבְּן' פַאר אַ מֶענְטְשׁ

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דָאס מֵיינְט אַ גוּט וָוארְט.

אִיךְ בַּאקוּם כְּסֵדֶר בְּרִיוְון פוּן דִי קִינְדֶער פוּן דִי מוֹסָד, וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד שְׁרַייבְּט: **"מַיין טִיטְשֶׁער אִיז דִי בֶּעסְטֶע טִיטְשֶׁער, וַוייל עֶס גֵייט נִישְׁט דוּרְךְ אַ טָאג וָואס זִי זָאל מִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן עֶפֶּעס אַ גוּט וָוארְט אוֹיף מִיךְ"**, פְרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר, וַוייל גוּטֶע וֶוערְטֶער אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן מַיין מַאמֶע אַ מַעֲשֶׂה, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטָאט וָואס הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן אַן עֶקְסְפֶּערִימֶענְט (אַ פָארְשׁוּנְג) צוּ זֶען וָואס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר אַ קְלֵיין קִינְד; דִי שְׁטָאט הָאט צוּגֶענוּמֶען קִינְדֶער פוּן זֵייעֶר מַאמֶע גְלַייךְ נָאכְן גֶעבּוֹירְן, מֶען הָאט זֵיי אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַ פַארְמַאכְטֶע פְּלַאץ אִין אַ שְׁפִּיטָאל, מֶען הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן און אַלֶע זֵייעֶרֶע גֶעבְּרוֹיכְן אוֹיטָאמַאטִישׁ, און בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְּן, וַוייל עֶס הָאט זֵיי גֶעפֶעלְט דָאס וַוארֶעמְקֵייט פוּן דִי מַאמֶע, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער און דִי גְלֶעטְן פוּן דִי מַאמֶע.

דִי מַעֲשֶׂה פְלֶעגְט מִיר זֵייעֶר אִיבֶּערְנֶעמֶען אַלְס קִינְד, אִיךְ פְלֶעג זִיךְ חָלוֹמְ'עֶן פוּן דִי מַעֲשֶׂה, און אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט פַארְגֶעסְן. עַד הַיוֹם וֵוייס אִיךְ נִישְׁט צִי דִי מַעֲשֶׂה אִיז אֱמֶת, אָדֶער מַיין מַאמֶע הָאט פָּשׁוּט גֶעוָואלְט אִיךְ זָאל אוֹיפְעֶסְן דִי נַאכְטְמָאל; אַזוֹי וִוי קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן טוּעֶן מִיט חָכְמָה וֶוען זֵיי גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר דִי קִינְדֶער, קִינְדֶער גְלַייכְן דָאךְ נִישְׁט קַיין פְלֵיישׁ, הֵייבְּט מֶען אָן צוּ דֶערְצֵיילְן אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה, דֶעם קִינְדְ'ס מֹחַ זָאל וֶוערְן אַרַיינְגֶעטוּן אִין דִי מַעֲשֶׂה, און פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת, בִּיז דֶערְוַוייל לֵייגְט מֶען אִים אַרַיין דָאס עֶסְן אִין מוֹיל.

צִי דִי מַעֲשֶׂה אִיז אֱמֶת אָדֶער נִישְׁט - אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק, אָבֶּער דֶער דֶערְהֶער אִיז זִיכֶער אֱמֶת, וַוייל אֲפִילוּ אוּנְז וָואס מִיר זֶענֶען שׁוֹין גְרוֹיס דַארְפְן אוֹיךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער. אָבֶּער פַאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיז עֶס זֵייעֶר וִויכְטִיג, און נִישְׁט אַלֶע קִינְדֶער בַּאקוּמֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער אִין שְׁטוּבּ, אוֹיף דֶעם זֶענֶען מִיר דָא צוּ גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט און וַוארֶעמְקֵייט פַאר אַלֶע קִינְדֶער.

## אֵיין זַאךְ אִיז וִויכְטִיג נָאךְ דִי חֲתוּנָה

אִיךְ ווִיל אַלֶע לֶערֶערִינְס זָאלְן וִויסְן, מֶען טֵיילְט אוֹיס בִּיכֶער פַאר דִי קִינְדֶער, מֶען לֶערְנְט רֶעכֶענֶען, שְׁרַייבְּן און אַנְדֶערֶע לִימוּדִים, מֶען זָאל אָבֶּער וִויסְן שְׁטִילֶערְהֵייט אַז אַלֶעס אִיז 'טְשַׁאדֶעלֶע בַּאדֶעלֶע'... עֶס אִיז נִישְׁט וִוי בַּיי אִינְגְלֶעךְ וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי תּוֹרָה, מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת און גְמָרָא; אִין שׁוּלֶע לֶערְנְט מֶען בְּלוֹיז כְּדֵי אָנְצוּפִילְן דִי צַייט, און דָאס אִיז טַאקֶע אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, מֶען מוּז אָנְפִילְן דֶעם טָאג, מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען וָואס אִיז דִי 'מַטָּרָה' פוּן דִי שׁוּלֶע, צוּ גֶעבְּן זִיכֶערְקֵייט פַאר דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער זָאלְן וִויסְן 'אִיךְ קֶען, אִיךְ בִּין און אִיךְ בִּין חָשׁוּב'.

עֶס מַאכְט נִישְׁט אוֹיס צִי דִי קִינְדֶער קֶענֶען דִי לִימוּדִים, עֶס אִיז נִישְׁט מַעֲלָה און נִישְׁט מוֹרִיד, נָאךְ אַבִּיסְל וַואקְסְן דִי קִינְדֶער אוֹיף, מֶען הָאט חֲתוּנָה און מֶען גֵייט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ שְׁטוּבּ, דֶעמָאלְט אִיז וִויכְטִיג אֵיין זַאךְ: זִיכֶערְקֵייט! דִי פְרוֹי זָאל הַאלְטְן פוּן זִיךְ, און וִויסְן אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ'.

## קִינְדֶער וָואס בְּרֶענְגֶען נִישְׁט קַיין טִיפְּ'ס

טַייעֶרֶע מְלַמְדִים און לֶערֶערִינְס, עֶס קוּמְט יֶעצְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים, וִוי נִישְׁט וִוי וַוארְט מֶען אוֹיף 'מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת' און אוֹיף טִיפְּ'ס (מַתָּנָה גֶעלְט) פוּן דִי עֶלְטֶערְן, מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן, מִיר קֶענֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין אוֹיסְנַאם צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער. אַז אַ קִינְד בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין טִיפּ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס דִי סִיבָּה זָאל זַיין, צִי דֶער קִינְד הָאט עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען, אָדֶער דֶער קִינְד הָאט עֶלְטֶערְן וָואס טְרַאכְטְן נִישְׁט, אָדֶער דֶער קִינְד הָאט עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעלְט, דַארְף מֶען אוֹיךְ גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל, אִים אוֹיסְרִימֶען, און אוֹיסְוֶועלְן פַאר גַבַּאי אָדֶער אַנְדֶערֶע מֶעכְטִיגֶע פָּאזִיצִיעֶס.

אַוַודַאי דַארְף מֶען הָאבְּן הַכָּרַת הַטוֹב, און אַוַודַאי אִיז זֵייעֶר שֵׁיין אַז אַ טַאטֶע מַאכְט זִיךְ וואוּסְנְדִיג, אָבֶּער אוֹיבּ אֵיינֶער מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג, טָאר עֶס נִישְׁט אוֹיסְמַאכְן פַאר דִי וַוארֶעמְקֵייט און לִיבְּשַׁאפְט צוּם קִינְד.

דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (תַּעֲנִית כד.) עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ - עֶס

# הַמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד בֶּעטְן פַאר רֶעגְן, גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: **"מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם"** - הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ גֵיין אַ גָאס רֶעגְן, הָאט אִים רָב גֶעפְרֶעגְט: **"וָואס אִיז דַיין כֹּחַ אַז וָואס דוּ בֶּעטְסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מְקוּיָּם?"** הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט".**

## אַ מְלַמֵד וָואס פַארְהַאנְקֶערְט זִיךְ מִיט אַ טַאטֶע

מִיר זֶענֶען דָאךְ מֶענְטְשְׁן אוּן עֶס אִיז דָא אַ נַאטוּר אַז מֶען הָאט לִיבּ אַ קִינְד פוּן אַ טַאטֶע וָואס מֶען הָאט לִיבּ, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט לִיבּ אַ קִינְד פוּן אַ טַאטֶע מִיט וֶועם מֶען הָאט זִיךְ פַארְהַאנְקֶערְט; מֶען טָאר אָבֶּער נִישְׁט בַּאעַוְלָה'עֶן קַיין קִינְדֶער, חַס וְשָׁלוֹם, מֶען טָאר נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן אָדֶער אַוֶועקְשְׁטוּפְּן קִינְדֶער. אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן בַּאקוּמֶען אַ גְלֶעט, אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע גֶעפִיל, אַ שְׁמֵייכְלְ'דִיגֶע 'גוּט מָארְגְן', אַ שְׁמֵייכְלְ'דִיגֶע 'גוּט יוֹם טוֹב', אוּן מֶען דַארְף יֶעדְן אוֹיסְפְרֶעגְן אֵיינְצִיג: **"וִוי אַזוֹי גֵייסְטוּ זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן?"**

אוֹיבּ אַ מְלַמֵד הָאט זִיךְ פַארְהַאנְקֶערְט מִיט אַ טַאטֶע אוּן עֶר שְׁפִּירְט אַז דָאס גֵייט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן יֶענֶעמְ'ס קִינְד, מוּז עֶר עֶס מוֹדִיעַ זַיין אִין אָפִּיס, עֶר מוּז זַיין אֶמֶתְ'דִיג מִיטְן מְנַהֵל, זָאג פַארְן מְנַהֵל: **"אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס אוֹיף דֶעם קִינְדְ'ס טַאטֶע אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בַּאעַוְל זַיין קִינְד".**

אִין שׁוּלֶע קֶען זִיךְ עֶס אֶפְשָׁר מַאכְן מֶער אָפְט וַוייל מִיר הָאבְּן דָאךְ יוּנְגֶע לֶערֶערִינְס; אַז אַ מַאמֶע פַארְשֶׁעמְט אַ לֶערֶערִין, אָדֶער שְׁרֵייט אוֹיף אַ לֶערֶערִין: **"דוּ קְלֵיינֶע... וָואס וֵוייסְטוּ פוּן דַיין חַיּוּת צוּ זָאגְן"**, דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אוֹיבּ מֶען אִיז אָנְגֶעוֵוייטָאגְט אוֹיף דִי מַאמֶע אוּן מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען גֵייט זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִינֶעם קִינְד, מוּז מֶען עֶס אַיינְמֶעלְדְן אִין אָפִּיס, זַיין אֶמֶתְ'דִיג מִיט דִי מְנַהֶלֶת אוּן זָאגְן: "אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בַּאעַוְל דֶעם קִינְד, וַוייל אִיךְ בִּין אָנְגֶעוֵוייטָאגְט אוֹיף אִיר מַאמֶע".

## זַיין אָנְגֶעגְרֵייט פַאר מֶען קוּמְט צוּ דִי קִינְדֶער

אַ מְלַמֵד אוּן אַ לֶערֶערִין דַארְף גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ.

מֶען דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן דִי לִימוּדִים אוּן דִי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס מֶען גֵייט לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער. אוֹיךְ דַארְף מֶען זִיךְ קְלָאר אָנְגְרֵייטְן וֶועלְכֶע מָשָׁל מֶען גֵייט נִיצְן צוּ מַסְבִּיר זַיין דָאס לֶערְנֶען אַז עֶס זָאל זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט.

מֶען קֶען נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין כִּתָּה הוּנְגֶערִיג אוּן מִיד אַזוֹי וִוי מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן דַאךְ אוּן מֶען וֵוייסְט אוֹיךְ נִישְׁט 'פַארְוָואס בִּין אִיךְ הַיינְט דָא גֶעקוּמֶען'...

מֶען קוּמְט נִישְׁט אִין שׁוּלֶע וַוייל מֶען זוּכְט אַרוֹיסְצוּלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ וֶוען אִינְדֶערְהֵיים הָאט מֶען אַסַאךְ וֶועשׁ אוּן אִין שׁוּלֶע אִיז גְרִינְגֶער.

מֶען דַארְף אַסַאךְ 'תְּפִלָּה טוּן', בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אִין כִּתָּה.

אַז מֶען וֶועט אַרְבֶּעטְן מִיט הַארְץ - וֶועט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, אִין דֶעם זְכוּת וָואס מִיר לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זָאלְן מִיר מַצְלִיחַ מִיט אוּנְזֶערֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער גְרִינְגֶערְהֵייט, אָמֵן.

# בְּדִיְּוּן פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## הַיינְט וֶועל אִיךְ דִיר אוֹיסְזָאגְן דֶעם סוֹד פוּנֶעם שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ד אֲדָר, פּוּרִים, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ שִׁיק דִיר מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת פוּן דִי טִיפֶענִישׁ פוּן מַיין הַארְץ פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן אִין שְׁטֶעטְל מִיט דִי קִינְדֶער.

הַיינְט פּוּרִים קֶען מֶען זַיין מֶער אָפְן פוּן אַ גַאנְץ יָאר, הַיינְט וֶועל אִיךְ דִיר אוֹיסְזָאגְן דֶעם סוֹד פוּנֶעם שְׁטֶעטְל, וָואס אִיךְ וִויל מִיטְ'ן שְׁטֶעטְל. אִיךְ וִויל נִישְׁט מֶער נָאר דִי אֵיין זַאךְ, אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט בְּנֶפֶשׁ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן מִיט אַ גֶעפִיל, אַ לִיבְשַׁאפְט - צוּ אִידִישְׁקֵייט. אוֹיבּ קֶען אִיךְ דָאס הָאבְּן הָאט מִיר אַלֶעס גֶעלוֹינְט, אוּן אַז נִישְׁט - דַארְפְן מִיר אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ דָאס צוּ טוּן.

אוֹיף דֶעם שִׁיק אִיךְ דִיר מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, וַוייל דוּ הֶעלְפְסְט מִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי. דוּ פִּילֶעוֶועסְט אָן דִי קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה, אֱמוּנַת חֲכָמִים, קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה אוּן גוּטֶע מִידוֹת.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַיינְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, מֶען קֶען פּוֹעֵלְ'ן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען אוֹיף אַזַא הוֹיכֶע דַרְגָּא - לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה אוּן דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן זִיךְ פַארְ'מִיאוּסְ'ן, פַארעֶקְלֶען - פוּן עֲבֵירוֹת. דָאס אִיז פְּשַׁט (מְגִילָּה ז:): "עַד דְּלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי", מֶען וִויל נָאר זַיין מִיט מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק.

נֶעם דִי חֵדֶר, דָאס זָאל זַיין דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, הֶעכֶער אַלֶע עֲבוֹדוֹת. זַיי מְחַזֵק דִי טַייעֶרֶע מְלַמְדִים מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן לַאךְ זִיךְ גוּט אוֹיס, וַוייל בַּאלְד וֶועלְן מִיר לִיגְן אִין פֶעלְד בַּיים עֶק, אוּן נָאר דָאס וֶועט אוּנְז בַּאשִׁיצְן.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת ויקהל פקודי תשפ"ג)

## אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַארְ'ן אַרַיינְלֵייגְן אַזוֹיפִיל גוּטְס אִין מַיינֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ד אֲדָר, פּוּרִים, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעם אָן דִי מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת וָואס אִיךְ שִׁיק דִיר פוּן גְרוֹיס דַאנְקְבַּארְקֵייט פַארְ'ן זַיין דִי מְלַמֵד פוּן אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער. פַארְ'ן אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם, נֶעגְל וַואסֶער, קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל אַרִיזַ"ל, קִישְׁן דִי מְזוּזָה, שְׁמִירַת עֵינַיִם, תְּפִלָּה בְּכֹחַ וּבְכַוָּנָה, שִׂמְחַת הַמִּצְוֹת, לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אַ אִיד, זִיךְ עֶקְלֶען פוּן גוֹיִים וְכוּ' וְכוּ'.

פּוּרִים אִיז אַזוֹי הֵיילִיג, מֶען קֶען פּוֹעֵלְ'ן זוֹכֶה זַיין צוּ (מְגִילָּה ז:): "עַד דְּלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן", מֶען זָאל זִיךְ אַזוֹי עֶקְלֶען פוּן הָמָן, "לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי", אוּן צוּקוּמֶען צוּ וִויסְן אַז מֶען

וָוייסט נִישְׁט ווי גְרוֹיס און ווי גוּט אִיז צוּ זַיין אַ מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת ויקהל פקודי תשפ"ג)

## אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט הַכָּרַת הַטּוֹב, זָאל אִיךְ אָפְּלָאזְן מְלַמְּדוּת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד בַּיי דִי קְלֶענְסְטֶע כִּתָּה, וָואס זַיי וֶוערְן דְּרַיי יָאר; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ לֵייג אַרַיין דִי גַאנְצֶע הַארְץ און נְשָׁמָה אִין דִי קִינְדֶער, זַיי גֶעבְּן אַ גֶעשְׁמַאק אִין תּוֹרָה, תְּפִלָּה, צִיצִית, קַאפְּל און פֵּיאוֹת.

דִי דְּרָשׁוֹת פּוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּן מִיר אַזוֹיפִיל צוּ, און בִּפְרַט דִי חֲשִׁיבוּת פון אַ מְלַמֵּד, אִיךְ דַאנְק דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ פִיר זִיךְ אַזוֹי און דִי פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער רֶעדְן צוּם אײבֶּערְשְׁטְן און רֶעדְן פון בַּאשֶׁעפֶער.

אִיךְ אַרְבֶּעט דָא נִישְׁט וֶועגְן גֶעלְט און נִישְׁט פַאר דִי גֶעהַאלְט, אִיךְ קֶען טוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן פון וָואס מֶען פַארְדִינְט פִיל מֶער, נָאר צוּ זֶען מַיינֶע פֵּירוֹת פַאר דִי אוֹיגְן.

אָבֶּער יֶעצְט פּוּרִים וֶוען עֶס אִיז דִי אַיינְצִיגְסְטֶע גֶעלֶעגֶנְהֵייט פון דִי עֶלְטֶערְן צוּ גֶעבְּן דִי הַכָּרַת הַטּוֹב צוּם מְלַמֵּד בַּיי דִי מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, זֶעעֶנְדִיג ווי דִי עֶלְטֶערְן שֶׁעצְן כִּמְעַט נִישְׁט, שִׁיקְן נַארִישֶׁע זַאכְן, מִיט שְׁוַואכֶע פִּדְיוֹנוֹת, אָן אַ גוּט וָוארְט, נָאר גֶע'זַרְשְׁנְ'ט פון אַנְדֶערֶע.

אַנְדֶערֶע זָאגְן אַז בַּיי אַ גְרֶעסֶערֶע כִּתָּה בַּאקוּמְט מֶען מֶער, אָדֶער אַז עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעלְט, אָדֶער מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעבְּן גֶעפִילְן.

אוֹיבּ אַזוֹי טְרַאכְט אִיךְ צוּ פַארְלָאזְן דֶעם פְּלַאץ צוּם נֵייעֶם זְמַן; כָּאטְשׁ וָואס אִיךְ ווייס אַז דֶער לָאךְ וֶועט זַיין גְרוֹיס, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט אַרַיינְלֵייגְן אַזוֹיפִיל אִין דִי קִינְדֶער. נָאר פַאר דִי לֶעצְטֶע הַחְלָטָה הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט הֶערְן פון אַייךְ צִי אִיךְ זָאל עֶס טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, שׁוּשַׁן פּוּרִים, ט"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוער עֶס אַרְבֶּעט מִיט אַ רַבִּים, צוּם בַּיישְׁפִּיל אַ מְלַמֵּד וְכַדּוֹמֶה - אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן אַז מֶען אַרְבֶּעט פַארְ'ן אײבֶּערְשְׁטְן, מֶען אַרְבֶּעט נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ. אַז מֶען ווייסט אַז מֶען אַרְבֶּעט פַארְ'ן אײבֶּערְשְׁטְן דֶעמָאלְט הָאט מֶען הֲנָאָה פון דִי אַרְבֶּעט, אַנְדֶערְשׁ אִיז וֶוען מֶען מֵיינְט אַז מֶען אַרְבֶּעט פַאר דֶעם און פַאר יֶענֶעם, דֶעמָאלְט וֶוען מֶען זֶעט ווי מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ, מֶען אִיז נִישְׁט מַכִּיר טוֹבָה וְכוּ' - בַּאקוּמְט מֶען חֲלִישׁוּת הַדַּעַת.

דֶעריבֶּער זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אַז עֶס אִיז אַרִיבֶּער דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים און דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן דִיר נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין גֶעלְט; קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם, דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען בַּאצָאלְט פּוּנֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, דִי תּוֹרָה און מִצְוֹת פון דַיינֶע תַּלְמִידִים דָאס זָאל זַיין דַיין צִיל, אָךְ און ווִיי פַאר מְלַמְּדִים וָואס אַרְבֶּעטְן צוּ בַּאקוּמֶען גֶעלְט וְכוּ', עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט אִין דִי וֶועלְט וָואס קֶען בַּאצָאלְן מְלַמְּדִים און מְחַנְּכִים וָואס לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל יב, ג): וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד - "אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִינוֹקוֹת", אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס פון דִי וֶועלְט; מוֹהֲרַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט דָאס זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר זַיין, אַז פּוּנְקְט ווי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פון דִי וֶועלְט, אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן וויפִיל זְכוּתִים אַ מְלַמֵּד הָאט, ווייל עֶר פְּלַאנְצְט אַיין אִין דִי קִינְדֶער תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם און אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אײבֶּערְשְׁטְן.

אַז דוּ בִּיסְט מַצְלִיחַ מִיט דִי קִינְדֶער זָאלְסְטוּ אַוַדַאי וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי אַרְבֶּעט; קְלַאפּ אַרוֹיס דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת פון אָפְּלָאזְן, דַיין גַאנְץ לֶעבְּן זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן מְלַמֵּד.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין מְגִלָּה יג ע"ב; פִּרְקֵי דְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר פֶּרֶק ג) אַז מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אִיז גֶעוֶוען פון דִי גְרֶעסְטֶע אִין דִי סַנְהֶדְרִין; מִיט דֶעם אַלֶעם וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי גְזֵירָה פון הָמָן אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צַאמְנֶעמֶען טוֹיזְנְטֶער קִינְדֶער, עֶר הָאט מִיט זֵיי גֶעדַאוֶוענְט און אַזוֹי מְבַטֵּל גֶעוֶוען דִי גְזֵירָה (אֶסְתֵּר רַבָּה ט, ד); עֶס הָאט אִים גֶעפַּאסְט, אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס, עֶר אִיז גֶעוֶוען פון דִי רָאשֵׁי סַנְהֶדְרִין - צוּ נֶעמֶען קִינְדֶער, צְוַויי און צְוַואנְצִיג טוֹיזְנְט קִינְדֶער - לֶערְנֶען מִיט זֵיי און אַזוֹי מְבַטֵּל גֶעוֶוען דִי גְזֵירָה. דַארְפְן מִיר דָאךְ זִיכֶער דָאס טוּן, בִּפְרַט וֶוער עֶס הָאט דִי כֹּחַ און הַשְׁפָּעָה אוֹיף קִינְדֶער, צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט קִינְדֶער - און אַזוֹי בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה.

דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת כי תשא תשפ"א)

**חִינוּךְ אַפְּטֵיילוּנְג**

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

**אויף קול ברסלב**

**דרוקט: 1-2-4-2**

- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

**קוֹל בְּרֶסְלֶב**

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך

212-444-9191 / 845-351-0910

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876